# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **עקב** תשפ"א ◆ עלון מס': **70**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### אויך א מיליאנער בעט א מתנת חינם

דער לעבן פון א מענטש איז איין לאנגער קייט פון פארמעסטונגען. מען פארמעסט זיך מיט שפייזן א משפחה, מיט ערציען קינדער, אבער צומאל וועט דער לעבן אויך ארייננשטעלן א מענטש אין א פארמעסט מיט אנדערע מענטשן, מיט פיינט, אדער רודפים, אזעלכע וועלכע וועלן זוכן פון צופרי ביז ביינאכט ווי אזוי זיי קענען דיר שלעכטס טון.

עטליכע סארט פיינט פארמאגט א מענטש. עס זענען דא די סארט וואס זענען נאר דא אויפ'ן מינוט. זיי שלאגן זיך מיט דיר אויפ'ן פלאץ וואו צו זיצן אויפ'ן באס, אבער עס איז אויך דא די ביטערע סארט, די וואס ווידמען זייער לעבן ווי אזוי זיי קענען דיר ענג מאכן און דיר צודערגיין די יארן, אזא פיינטשאפט ציט זיך פאר וואכן און חדשים און אסאך מאל פאר לאנגע יארן, אז מען קען נישט לויז ווערן פון זיי, קיינמאל.

וואס איז די עצה? ווי אזוי זעט מען זיך ארויס פון דעם פעקל? דער רבי אין חובת הלבבות [פרק ד' סוף חלק שלישי אין שער הבטחון] פלעכט אויס די וועג פאר אידן וואס מוטשענען זיך מיט אזא סארט צרה.

אין צוויי חלקים צעטיילט זיך די עצה פון דעם רבי'ן. אין דעם ערשטן טייל רעדט דער רבי איבער דער פחד וואס באנעמט דעם מענטש. א איד דארף גלייבן און וויסן אז אלעס קומט מלמעלה, אז אויב עס איז נישט אנגעשריבן פון הימל אז מען זאל דיר קענען שלעכטס טון איז אוממעגליך אז א איד זאל דיר קענען צורירן.

דער לשון פון דער רבי איז **שאין להם כל יכולות להועיל או להזיק בלי רשות מלמעלה** - אויך דער וואס וויל טשעפענען קען נישט טשעפענען א איד אויב האט ער נישט קיין רשות דערויף מלמעלה.

דער איד ווייסט אז אלעס איז מלמעלה, אבער ער וויל וויסן ווי אזוי דרייט ער זיך ארויס פון די צרה? זאגט דער רבי פאר אזא איד: **ויתחנן אל האלקים ויבקש מלפניו לכפר עוונותיו ואז ישובו אויביו לאהבתו** - דער איד זאל זיך מתחנן זיין פאר השי"ת ער זאל זיך דערבארעמען אויף אים און מוחל זיין זיינע זינד און דעמאלטס וועט ער זוכה זיין אז פון הימל וועט מען זיך מרחם זיין אויף אים און זיינע פיינט וועלן זיך איבערדרייען קעגן אים און ווערן זיינע ליבהאבער.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער פון דעם הייליגן רבי'ן מערקט מען אז דער רבי באנוצט זיך מיט'ן לשון 'ויתחנן', אז דער מענטש זאל זיך מתחנן זיין פאר השי"ת.

אויך משה רבינו ווען ער האט געוואלט פועל'ן ביי השי"ת ער זאל אים ארייננלאזן אין ארץ ישראל האט זיך באנוצט מיט דער לשון 'ואתחנן' מלשון תחינה, און ווי רש"י אויפ'ן ארט געבט צו פארשטיין איז דא צען לשונות של תפילה אבער 'תחינה' איז די חשוב'סטע פון אלע.

וואס איז אזוי ספעציעל מיט די לשון פון תחינה? די תשובה דערויף איז אז 'תחינה' איז מלשון 'חינם', דער בעטער בעט נישט השי"ת זיין בקשה ווייל ער האלט אז עס קומט זיך אים, ער בעט עס אים ווייל ער האלט אז עס קומט אים נישט אבער ער בעט א מתנת חינם.

דער סוד פון די סארט בקשה, אז עס איז די מערסטע באליבט ביי השי"ת, האט משה רבינו מגלה געווען נאך די חטא העגל. ווען משה רבינו האט געפרעגט ביי השי"ת וואס איז דער סוד מיט וואס ער פירט די וועלט האט אים השי"ת אנטפלעקט דער סוד **וחנותי את אשר אחון ורחמתי את אשר ארחם** - איך בין קיין איינעם גארנישט שולדיג, אלעס וואס כ'טוה טוה איך בחינם און ווען א איד דאווענט אזוי ווערן זיינע תפילות נתקבל און די סגולה האט משה רבינו גענוצט ווען ער האט געוואלט פועל'ן ביי השי"ת ער זאל קענען אריינגיין אין ארץ ישראל, ער האט געבעטן 'ואתחנן', אז ער וויל א מתנת חינם, אז עס קומט אים גארנישט, אפילו אז ער האט זיך אוועקגעגעבן פאר השי"ת כל ימיו, ער האט געפירט דעם כלל ישראל און מיט דעם אלעם ווען עס קומט צו בעטן עפעס פאר אים אליין בעט ער נישט ווייל עס קומט אים, ער בעט ווייל ער וויל באקומען פון השי"ת א מתנת חינם.

דער אור החיים הק' ווען ער רעכענט אויס די תנאים אז א תפילה זאל נתקבל ווערן ברחמים דערמאנט ער די תנאי אז א איז זאל זיך שטעלן פאר השי"ת ווי אן עני, וואס האט גארנישט וואס מציע צו זיין, אז ער האט אנגעהאנגען בלויז אין די רחמי השם און ער בעט א מתנת חינם.

ווייל ווען א איד בעט אזוי - איז השי"ת מקבל זיינע תפילות.

**[ארויסגענומען פון שיעור 55 אין שער הבטחון]**

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### מיר ווילן אויך זוכה זיין צו אביסל חיות!

"ענק ווייסן נישט געווג וויפיל מען טוט אויף מיט די גליונות און די השגחה פרטית טעלעפאן ליניע", זאגט מיר די וואך ר' אברהם פון ביתר.

"איר מיינט אז איר ברענגט אריין אמונה אין אידן, דער אמת איז אז איר ברענגט אריין חיות אין אידן, שטיקער חיות, שטיקער לעבן".

ר' אברהם דערציילט מיר וואס ער האט מיטגעלעבט ערשטהאנטיג:

איך האב א חבר וואס איז ליידער זייער א פאר'צרה'טע מענטש. די צרות האט אים ליידער דערביטערט זיין לעבן, ער האט פארלוירן יעדן טעם אין איר. פון צייט צו צייט ווען מיר פלעגן זיך באגעגענען האט ער אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ פאר מיר. ער פלעגט דערציילן ווי ביטער עס איז אים. ער פלעגט ממש באוויינען זיין גורל נוצענדיג דערביי ווערטער וואס מ'טאר אפילו נישט ארויפברענגען אויפ'ן ליפן. מיין הארץ האט מיטגעוויינט מיט אים. אבער וואס האב איך אים געקענט זאגן? אויסער אויסהערן און מיטפילן - גארנישט. אפילו מיט געלט, האט מען נישט געקענט לינדערן זיין שמערץ, ווייל געלט, היילט נישט אלע פראבלעמען אין די וועלט.

איינמאל, טראכטנדיג אזוי וואס איך קען טון פאר אים, איז מיר איינגעפאלן דער געדאנק אז איך גיי אים צובינדן צו די השגחה פרטית גליון און טעלעפאן ליניע.

פון דעמאלטס איז אריבער א שטיק צייט און מיר באגעגענען זיך ווידער און דאסמאל, זיין פנים שיינט און לייכט, אפילו זיין קול איז מונטערער און פרישער.

מיט טרערן אין די אויגן זאגט ער מיר, ר' אברהם האסט מיר גערעטעוועט, פשוטו כמשמעו, אויף דיר גייט ארויף די ווערטער פון חז"ל כל המציל נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא.

די געשיכטע פון ר' אברהם איז איין געשיכטע פון טויזנטער. אין לויף פון די יארן האבן מיר שוין געהערט הונדערטע אזוינע רעאקציעס, אידן באדאנקען זיך, זיי זאגן יישר כח אז מען האט זיי צוריקגעברענגט זייערע פארלוירענע חיות, זייער שמייכל, זייער נאטורליכע גוטמוטיגקייט, פון ווען זיי האבן זיך באקענט מיט די 'השגחה פרטית' באוועגונג האט זיך זייער בליק אויף די וועלט געטוישט, זיי זענען געוואויר געווארן אז זיי האבן א גוטער און א ליבליכער טאטע אין הימל, א טאטע וואס זארגט זיך פאר זיי, וואס וויל זיי העלפן און געבן מער און מער.

טייערע אידן ווען מען טראכט אריין וואס האט ר' אברהם געטון? בסך הכל האט ער געמאכט א באקאנטשאפט צווישן די השגחה פרטית גליונות מיט נאך א איד, ווער ווייסט וויפיל אידן וואלטן נאך געקענט זוכה זיין צו אביסל חיות, ווען זיי וואלטן געוואוסט איבער דעם גליון.

אין די לעצטערע צייטן האבן מיר פארברייטערט אונזער צושפרייטונג, מיר האבן געטראפן איינער וואס איז גרייט צו פארשפרייטן דעם גליון, אויך פאר ווייניג גליונות, דער דעליווערי קאסט 15 שקל א חודש, אבער ער ברענגט אריין אויך א קליינער צאל גליונות פאר ווער עס בעט.

די מהפכה איז אין ארץ ישראל אבער אויך אין אויסלאנד קען מען מאכן די זעלבע און תורם זיין און אויסשפרייטן די גליון דורכ'ן זיך פארבינדן מיט'ן נומער 02.6313742.

כאפט א קלינג און זייט א טייל פון דעם גרויסן זיכוי הרבים און בלאזט אריין חיות אין טויזנטער אידישע נשמות.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## פון די שטאט לוד ביז צום טיר פון שטוב

איך וואוין אין די שטאט מודיעין עילית אבער מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויף א רייזע צום צפון טייל ארץ ישראל.

איך האב נישט קיין אייגענע קאר, אזוי אז איך האב געדארפט אנקומען צו די הילף פון די טראנספארטאציע. פון צפון טייל ארץ ישראל איז דא א באן וואס פארט דירעקט צו די שטאט מודיעין אבער אזוי ווי מיר האבן זיך פארשלעפט זענען מיר אנגעקומען צו שפעט, דער איינציגסטער באן וואס איז נאך געווען דארט איז געווען די באן וואס פירט אונז קיין לוד.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה האבן מיר זיך ארויפגעזעצט אויף דעם באן, מיר זענען אפגעפארן קיין לוד אבער אנקומענדיג קיין לוד, זענען מיר געבליבן הילפלאז, וואו גייען מיר יעצט?

זייענדיג אונטער'ן איינדרוק פון די געשעעניש מיט הרב פערל פון די פינגערס אז ער דאנקט אויף אלעס האב איך אים נאכגעטון און געדאנקט השי"ת אויף אלעם און געזאגט מזמור לתודה.

איך בין נאך געשטאנען אזוי פארוואונדערט וואס איך גיי טון, ווען פלוצלונג קומט א איד צו מיר און זעענדיג ווי איך בין אזוי אומוויסענדיג וואו צו גיין האט ער מיר געפרעגט וואו דארף איך אנקומען? זאג איך אים אז כ'דארף אנקומען קיין מודיעין.

"נו, איך האב דא מיין קאר, קום מיט מיר". געט ער מיר א זאג.

אונטערוועגענס האט ער מיר געפרעגט וואו כ'דארף אנקומען? איך האב אים געגעבן די אנווייזונגען און אים צוריקגעפרעגט וואו ער וואוינט און געגעבן א זאג אז ער דארף זיך נישט מטריח זיין אזוי פיל, ער קען מיר אראפלאזן אנהייב שטאט, אבער דער איד איז געווען איינגעג'עקשנ'ט, ער האט מיר צוגעפירט ביז צום שטוב, אזוי האב איך געזען אז פון דאנקען און זיך פארלאזן אויף השי"ת פארדינט מען נאר.

## פון 'מוותר' זיין דערלייגט מען נישט

איך האב געדארפט אנצוקומען צו א געוויסער איד אז יענער זאל מיר א טובה טון. דער איד האט מסכים געווען צו ערפולן מיין בקשה און מען האט באשלאסן צווישן זיך אז כ'וועל אים באצאלן פאר זיין ארבעט.

דער איד האט געמאכט די ארבעט, אבער ווען עס איז געקומען צו באצאלן האט דער איד געבעטן א הויכער פרייז, פיל מער ווי איך האב זיך באמת גערעכנט צו צאלן, פאר א רגע האב איך געטראכט צו מיר אז די פרייז איז נישט בארעכטיגט, אבער יענער האט גע'טענה'ט אז די ארבעט איז געווען פיל שווערער ווי ער האט עס מלכתחילה געשאצט.

טראכטנדיג אזוי צי איך זאל אריינגיין מיט יענעם אין א וויכוח, האב איך באשלאסן אז ניין! בעסער וועל איך מוותר זיין. מיט א צופרידענקייט האב איך אים געגעבן די סומע ווען כ'לייג צו דערצו גוטע ווערטער, אז ער איז געווען די פאסיגסטע מענטש, אין די ריכטיגע מינוט, ער האט פשוט גערעטעוועט דער מצב.

פון דעמאלטס און ווייטער האבן זיך זאכן געטוישט מקצה אל הקצה, אין יעדער זאך וואס איך האב עוסק געווען האב איך געזען א געוואלדיגע ברכה, איך האב געשפירט ווי דער מזל האט אויפגעשיינט, אין יענער חודש האב איך פארדינט אסאך געלט און היינט, דאנק איך יענעם, אז ער איז געווען דער גוטער שליח איך זאל מוותר זיין, אזוי ארום וועט זיך פאר מיר עפענען דער צינור פון שפע און איך וועל זוכה זיין צו אזא הרחבה.

## ווי א מאגנעט ציט אים

מיין פאך איז מקרב זיין בחורים וואס האבן זיך ליידער אויסגעגליטשט פון דעם ערליכן וועג און זענען אריינגעפאלן אין תהום אריין.

מיט א שטיק צייט צוריק האט מען מיר געבעטן איך זאל באהאנדלען א בחור וועלכער האט ממש יעצט אנגעהויבן צו גליטשן רח"ל.

איך האב עס געוואלט אפזאגן ווייל ווי מיין עקספירענעס ווייזט, איז

## דער רויטער רומענישער סטעמפל

איך וואוין היינט אין די שטאט מודיעין עילית אבער מיין זיידע איז אן אפשטאמיגער פון רומעניע און אמאל האט ער מיר דערציילט א מורא'דיגע מעשה וואס ער האט מיטגעלעבט, נאך דארט אין רומעניע.

אין די געגענט וואו ער האט געוואוינט האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' משה. דער ר' משה האט געהאט א שטוב מיט קינדער און ווי אלע אנדערע אידן האט ער געדארפט שפייזן זיין משפחה און זיי געבן צו עסן.

די ארטיגע רעגירונג האט געגעבן ארבעט פאר יעדן איינעם, אבער די ארבעט האט נישט געקלעקט, מען האט געקענט אויסגיין פון הונגער און אז מען האט געוואלט שפייזן די משפחה, אז זיי זאלן קענען איבערלעבן איז די איינציגסטע אויסוועג געווען צו האנדלען אויף די שווארצע מאַרק און זוכן צו פארדינען דארט אן איבריגע גראשן.

ר' משה האט אזוי געטון. ער האט געהאנדלט מיט אומלעגאלע זאכן אבער זיין מזל האט אים נישט געשפילט, די ארטיגע רעגירונג איז ארויף אויף זיינע מעשים און מען האט אים אנגעהויבן זוכן.

אז די רעגירונג וואלט אים געפאקט ביי די מעשה, וואלט זיין לעבן געווען אין א סכנה, די רומענישע קאמוניסטן וואלטן אים געקענט אורטיילן צום טויט און ר' משה האט זיך אנגעהויבן אויסבאהאלטן פון די רשעים.

פון צייט צו צייט, אויס מורא אז מען קען אים דערווישן, האט ער געטוישט א באהעלטעניש.

אין א טאג, ווען ער איז נאך געווען אין באהעלטעניש האט ער דערהאלטן א מעלדונג פון די ארטיגע רעגירונג אז די וויזע וואס ער האט איינגעגעבן מיט זיין פאמיליע צו קענען פארלאזן דאס לאנד איז געווארן אנגענומען, ער האט די רעכט צו פארלאזן דאס לאנד.

ר' משה האט נישט געוואוסט צי ער זאל זיך פרייען אדער וויינען. אין אלגעמיין איז עס געווען א גוטע בשורה, אבער אין זיין פאל האט עס אויך געקענט זיין א פאסטקע, עס האט רואיג געקענט זיין אז די רשעים האבן אים געוואלט דערווישן און זעענדיג אז זיי טרעפן אים נישט אין געהעריגע וועגן זענען זיי אויפגעקומען מיט אזא טריק.

אין יענער געגענט האט זיך אויך אויפגעהאלטן דער סקולענער רבי זצ"ל און נישט וויסענדיג וואס ער קען טון איז ער אריבער צום סקולענער רבי'ן און אים געפרעגט וואס דער רבי האלט וואס זאל ער טון? דער רבי האט אים געזאגט אז ער ווייסט אים נישט וואס צו ענטפערן, עס איז א שווערע שאלה.

"אבער רבי, וואס טוה איך"? האט דער איד געפרעגט.

"בדרך הטבע זעה איך נישט קיין עצה פאר דיר, האסט איין עצה, אז דו וועסט גלייבן אז השי"ת קען דיר ראטעווען פון דא, אפילו שלא כדרך הטבע, וועסטו קענען האבן א ישועה".

"רבי, איך גלייב", האט ר' משה געזאגט.

"עס איז נישט גענוג אז דו זאגסט אזוי, מען דארף גלייבן מיט אן אמת".

דער סקולענער רבי האט אים איינגעלאדענט ער זאל קומען לערנען מיט אים בטחון, א שעה צייט האבן זיי געלערנט אינאיינעם די ענינים פון אמונה און בטחון. ווען זיי האבן געענדיגט, האט אים דער רבי באפוילן ער זאל זיך מארגן צוריקקערן, ער וויל לערנען מיט אים מארגן נאכאמאל. עטליכע טעג אין איין ציה האבן זיי געלערנט עניני בטחון ואמונה. דער סקולענער רבי האט עוסק געווען אין עסקנות אבער דאך האט ער זיך גענומען די מיה און געלערנט מיט אים אמונה און בטחון.

דער עצם לערנען איז אויך געווען געבינדן מיט סכנות נפשות, אז מען כאפט זיי, זענען זיי ביידע אין פעקל, אבער דער רבי האט זיך נישט געקימערט אויף גארנישט, ער האט געלערנט מיט אים ביז ווען ער האט דערקענט אויף אים אז די זאך איז שוין אריין גוט אין זיינע ביינער.

נאך עטליכע טעג לערנען האט אים דער צדיק געזאגט אז ער קען אהיימגיין.

"יעצט קענסטו פארן און השי"ת וועט דיר העלפן".

דער סדר אין רומעניע איז געווען אז דער וואס האט באקומען ערלויבעניש צופארן האט באקומען א באשטימטער טאג ווען ער דארף זיין אין עירפארט. אין יענעם טאג האט ער געווארט דארט, ביז ווען מען האט

גערופן זיין נאמען און ווען מען האט גערופן זיין נאמען איז ער ארויף אויפ'ן פליגער.

יענעם טאג האט זיך די משפחה ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צום עירפארט ווארטנדיג מען זאל רופן זייער נאמען. א גאנצן טאג האבן זיי געווארט אז מען זאל רופן זייער נאמען אבער מען האט עס נישט גערופן.

א גאנצער צייט האט זיך דער איד געשטארקט מיט אמונה און בטחון ווי דער סקולענער רבי האט אים געלערנט. עס איז אריבער די צייט און זיין משפחה איז געבליבן דארט די איינציגסטע משפחה. זעענדיג אז זיי בלייבן דארט אליין האט זיך געשטארקט זייער פחד, אבער ר' משה האט נישט אויפגעגעבן אויף זיין אמונה.

אינמיטן איז אריבער אן אפיציר און זעענדיג אז זיי זיצן דארט אליין פרעגט ער זיי וואס איז מיט זיי? האבן זיי אים דערציילט די גאנצע מעשה. דער אפיציר האט געבעטן די פאפירן און זעענדיג פון וועמען עס רעדט זיך האט ער זיי געגעבן פאפירן און געהייסן גיין.

אין איין אטעם איז די משפחה געלאפן צו די פליגער. מען האט אים ארויפגעלאזט און ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל.

נאר ווען ער האט דערגרייכט קיין ארץ ישראל האט ער באטראכט וואס עס איז געשטאנען אין יענע פאפירן.

עס איז געשטאנען דארט אז דער מענטש טאר נישט פארלאזן דאס לאנד! מען זאל אים נישט ארויסלאזן! און מיט די פאפירן איז ער ארויס פון רומעניע.

ווען מיין זיידע פלעגט באזוכן ביי אים פלעגט ער אים ווייזן די פאפירן און אויספירן אז ער ווייסט אויך נישט ווי אזוי ער איז ארויס פון לאנד, עס איז נאר מיט די כח האמונה וואס ער האט געלערנט ביים סקולענער רבי'ן זצ"ל.

## ער האט 'יא' א טאטע

**עס דערציילט הרה"ח ר' יצחק הי"ו א מלמד אין די שטאט בית שמש:**

עס האט זיך ליידער געמאכט אז א קינד פון מיין כיתה איז געווארן א יתום. דער קינד האט עס גענומען זייער שווער. בעפאר די טראגעדיע האט באטראפן דעם קינד איז דער קינד געווען מלא חיות, ער האט געלערנט, געדאווענט, גוט מיטגעהאלטן אין די כיתה, אבער נעבעך, זינט די געשעעניש, איז ער געווארן אינגאנצן פארלאשן.

דער זיך צוקוקן ווי אזוי א קינד גייט איין אין זיך, האט מיר שטארק באנומען, אבער וואס האב איך דעם געקענט טון, איך בין דאך נאר א מלמד! זעענדיג אז דער מצב ווערט נישט בעסער, האב איך זיך פארבינדן מיט די מאמע, די פרישע אלמנה, אבער אויך זי האט אים נישט געקענט העלפן, זי איז נארוואס געווארן אן אלמנה און זי האט נישט געהאט ביי זיך די כוחות הנפש זיך צוזאמענצונעמען פון די איבערגאנג.

זי האט מיר אבער געשיקט צו א פעטער וואס ער קען, לויט איר, מיר העלפן, איך האב זיך פארבינדן צו דער פעטער און אים געשילדערט וואס דא גייט פאר, ווער איך בין, דער פעטער איז געווארן זייער גערירט פון די געשיכטע און געזאגט אז ער וויל מיר טרעפן.

מיר האבן זיך געטראפן. ביי דער באגעגעניש האב איך אים דערציילט אלעס וואס גייט אריבער אויפ'ן קינד אבער נאך א שטיק צייט רעדן, געט מיר דער פעטער א זאג, אז ער קען מיר נישט העלפן.

"איך האב נישט קיין עקספירענעס אין קינדער....". האט דער פעטער אויסגעפירט ווען ער בטאנט דערביי אז ער האט ליידער נישט זוכה געווען צו קיינע קינדער.

דער קינד איז אליין! בין איך אנגעקומען צו די מסקנא, אבער דאן האב איך זיך מתבונן געווען, אז ניין, ער איז נישט אליין, ער האט דאך א טאטע אין הימל, איך האב זיך פשוט געשטעלט דאווענען פאר השי"ת, פון טיפן הארצן האב איך מתפלל געווען פאר'ן קינד, אז דער אבי היתומים זאל זיך מרחם זיין אויף אים און אים העלפן ער זאל קענען לערנען, דאווענען, ווי אזוי עס דארף צו זיין.

די תפילה האט מיר גערירט ביז צו די טיפענישן פון הארצן, אז איך האב געלאזט טרערן פאר דער יתום.

עס האט נישט געדויערט לאנג און פלוצלונג האט זיך דערקענט אויפ'ן קינד א געוואלדיגער שינוי לטובה, ער האט זיך צוריקגענומען אין די הענט אריין, ער האט אנגעהויבן לערנען ווי אמאל און האט נאכגעיאגט אלעס וואס ער האט פארפעלט אין די צייט, מען האט געזען בחוש ווי פון הימל באגלייט מען אים אויף טריט און אויף שריט, דער אבי היתומים שטייט צו זיין רעכטע האנט.

דער אנהייב פון די גליטשעריי די שווערסטע צייט אפצוהאלטן דער בחור פון גליטשן, אין די צייט איז דער בחור ממש פארבלענדעט נאכצוגיין די דרויסענדיגע גאס און ער זינקט נעבעך אריין טיפער און טיפער, נאר ווען ער וועט אנקומען גענוג נידריג און זיך באקענען מיט דער מציאות אז עס איז גארנישט דא, קען מען אים צוריק ארויפשלעפן אויבן.

אבער, אז מען האט געבעטן, האב איך עס אנגענומען, איך האב געלערנט מיט'ן בחור, אבער עס איז געגאנגען זייער שווער.

מען האט ממש נישט געמאכט פארשריט, אבער איין זאך האב איך יא געזען, דער בחור ווערט שוואכער, אבער ער בלייבט שטיין ביי א געוויסער שטאפל, ער גייט נישט ווייטער.

איך האב עס נישט געקענט פארשטיין אבער שפעטער בין איך דערגאנגען דער סוד, טאג טעגליך האט די מאמע פון דעם בחור פארגאסן אויף אים טייכן טרערן, זי האט מתפלל געווען אויף אים און די תפילות זענען געווען ווי א מאגנעט, אז דער בחור זאל שטיין בלייבן וואו ער איז.

דער סוף איז געווען אז דער בחור האט געוויילט א שבת אין צפת און דארט איז ער אויף א וואונדערליכער אופן געווארן א חתן, דער פאקט אז ער איז געווארן א חתן האט אים צוגעהאלטן נאכמער און צוריקגעברענגט צוריק צום שורש, אזוי אז דער בחור איז גענצליך געראטעוועט געווארן פון זינקען.

דער כח פון א אידישע תפילה...

## וואס מען טוט - טוט מען זיך אליין

עס דערציילט ר' שמואל מאיר אנשין פון בית שמש:

דער לעצטער יום טוב פסח האב איך מיט מיין משפחה געפראוועט אין אתרא קדישא מירון סמוך ונראה צום הייליגן ציון פון רבי שמעון בר יוחאי.

מיר האבן געהאט די אכסניא ביי די מילער קוואטיר און ב"ה דער יום טוב איז אריבער גאר געהויבן. ווען עס איז געקומען צו גיין מוצאי יום טוב, האבן מיר פארפאקט די געפעק, מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג מיט מיין קאר.

נישט האבנדיג גענוג פלאץ אין מיין קאר, האב איך איינגעטיילט מיין משפחה, א חלק קינדער האב איך געשיקט מיט די באס און די צווייטע טייל האב איך גענומען אין מיין קאר.

אלעס איז שוין געווען גרייט, מען איז שוין געווען אויפ'ן וועג ארויס, זיך איינצודרייען ארויסצופארן פון דעם דארף, ווען פלוצלונג צוקלינגט זיך דער סעליולער פון מיין בני בית.

"איר זענט נאך דא"? פרעגט איינער פון די איינוואוינער אין מירון.

"מיר זענען שוין אויפ'ן וועג ארויס".

דער רופער האט דערציילט אז א איד וואס איז דא געווען יום טוב, האט בטעות פארגעסן זיין סעליולער טעלעפאן אין מירון און אזוי ווי דער איד וואוינט אין בית שמש, בעטן זיי זייער שטארק צי מיר קענען מיטנעמען דער טעלעפאן.

איך האב געוואלט ציען מיט מיינע אקסלען, איך בין שוין אויפ'ן וועג ארויס, אבער א טובה פאר א איד, איך האב זיך מתגבר געווען און איך בין צוריק ארויפגעפארן און גענומען דער טעלעפאן.

אזוי פארנדיג דערמאנט זיך מיין בני בית אז זי האט איבערגעלאזט אין שטוב א זאק פון גוטע פירות מיט ירקות, זי וויל עס מיטנעמען.

"מיר וועלן טרעפן ירקות אין בית שמש". האב איך איר געזאגט, אבער אז זי האט אזוי געבעטן, האב איך איר נאכגעגעבן, איך האב זיך אפגעשטעלט און מיר זענען ארויס פון די קאר.

כ'שטיי נאך אזוי ביים קאר ווען פלוצלונג הער איך ווי מיין סעלפאון קלינגט.

אבער עס קלינגט נישט פון די קאר, עס קלינגט ארויס פון דער גארבעדזש.

"וואו איז מיין סעליולער טעלעפאן?". האב איך זיך געוואונדערט.

נאר יעצט האב איך באמערקט אז איך האב עס נישט, עס איז בטעות געבליבן אין די דירה און אריין אין גארבעדזש מיט'ן טישטוך. דורך מיין פרוי'ס טעלעפאן האב איך עס געטראפן און מיר האבן עס אנטדעקט.

דער טעלעפאן איז געווען א נייער און א דאנק וואס איך בין צוריקגעקומען וועגן א צווייטנס טעלעפאן האט מען מיר פון הימל פארשפארט אומזינסטע שאדן.

עס איז געווען אזוי קלאר, אז סיי האב איך עס דעמאלטס געטראפן און אויך האט זיך עס פונקט צוקלינגען אין די רגע וואס כ'בין ארויס פון די קאר, אלעס ווייל איך האב א טובה געטון פאר א צווייטן, האט מען מיר צוריקגעגעבן פון אויבן.

אמעריקע, איז דא א נייע נומער 151-86-130-140 נייעס! פרויען אפטיילונג אין ענגליש - דרוקט 7 ביי די ענגליש אפטיילונג

# צוהערער פרעגן
שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**עס איז באקאנט וואס חז"ל זאגן אז די מזונות פון א מענטש ווערט באשטימט צווישן ראש השנה און יום כיפור. מיין שאלה איז צי דורך די מידה פון בטחון קען מען טוישן די 'קצבה' לטובה, אדער וואס עס איז באשטימט געווארן איז באשטימט געווארן און מען קען עס נישט טוישן?**

שאלה נומער 22 — ד.ב. ירושלים

## בטחון ברענגט א ברכה

**הרב יהושע כהן פון ירושלים, הרב משה דייטש פון אלעד, הרב יצחק שפירא פון אשדוד, הרב חיים מאיר דאסקאל פון אלעד, הרב יעקב הללזון פון נתניה, הרב דוד לייפער פון ירושלים און הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** עס איז אמת אז יעדער ראש השנה ווערט אנגעשריבן אויף א מענטש א שפע, אבער די שאלה איז וואו די שפע גייט. עס איז דא אסאך מענטשן וואס פארדינען זייער אסאך געלט, אבער זיי זעען נישט קיין ברכה אין זייער געלט, ווי גרעסער זייער פארדינסט איז אלץ גרעסער איז זייערע שאדן, אז עס בלייבט זיי נישט קיין געלט אין טאש און אויסצולעבן זייער לעבן דארפן זיי נאך צובארגן געלט פון דער זייט און דא ליגט די חילוק צו דיין שאלה, עס איז אמת אז ראש השנה ווערט אנגעשריבן פאר א מענטש וויפיל געלט ער זאל פארדינען אבער די בטחון איז ממשיך די ברכה, עס פארמיידט אז די געלט זאל פארלוירן ווערן אין שאדנס, ווי מ'טרעפט דערפון אין די גמרא ראש השנה [דף יז] ביי רעגן.

א 'מעשה רב' ברענגט אראפ הרב יוסף מענדלאוויטש פון ירושלים אז די כולל אינגעלייט אין די כולל פון הרה"ק דער בית ישראל זצוק"ל פון גער האבן זיך אמאל באקלאגט אז דער כולל געהאלט איז צי ווייניג, מען דארף עס העכערן. ווען דער בית ישראל האט עס געהערט, האט ער געזאגט פאר די אינגעלייט אז זיי זאלן זיך מאכן א חשבון צי אין די לעצטע צייט וואס זיי האבן געלערנט אין כולל, האבן זיי געהאט עקסטערע הוצאות ווי אויף געזונט ענינים, אדער פאר פאררעכטן זאכן אין שטוב, ווייל אויך די זאכן ווערט פארמיטן פון די כולל געלט.

**הרב אהרן בייפוס פון רכסים:** עס איז באקאנט די מעשה וואס מ'דערציילט אויפ'ן הייליגן בעל שם טוב אז מ'האט אים אמאל געפרעגט אז עס שטייט דאך אז יעדן טאג איז מען דן איבער די מזונות פון א מענטש און חז"ל זאגן אז די מזונות פון א מענטש ווערט באשטימט איינמאל א יאר, נו ווי אזוי גייען ביידע צוזאמען? האט ער געגעבן צו פארשטיין מיט חייקל דער וואסער טרעגער אז איין טאג האט ער זיך באקלאגט אויף זיין פרנסה און צומארגנס איז ער געווען פרייליך, האט דער בעשטה"ק געגעבן צו פארשטיין אז דאס איז דער פשט, עס איז ריכטיג אז מען איז דן דעם איד איינמאל א יאר וויפיל געלט ער זאל באקומען אבער מען איז דן א איד, יעדן טאג, ווי אזוי ער זאל מקבל דער עול הפרנסה צי מיט שמחה אדער מיט צער און די זעלבע איז אויך מיט אייער פראגע, אז עס איז דא בטחון איז דא שמחה ושלוה, אז עס איז נישט דא קיין בטחון איז דא יגון ואנחה.

## בטחון טוישט דער דין

חז"ל דערציילן אונז אין מסכת ביצה [ט"ז] אז ווען שמאי הזקן פלעגט טרעפן א שיינע בהמה האט ער עס אוועקגעלייגט אויף שבת און ווען ער האט געטראפן נאך א שענערע האט ער געגעסן די ערשטע און אוועקגעלייגט די צווייטע אויף שבת, אבער הלל הזקן האט זיך אנדערש געפירט, ווען ער האט געטראפן א גוטע בהמה האט ער עס נישט אוועקגעלייגט נאר געגעסן יעצט זאגנדיג ברוך השם יום יום, אז השי"ת וועט שוין מזמין זיין א בעסערע זאך אויף שבת.

מיט דער געדאנק זאגט **הרב יעקב יוסף ראזענגארטן פון מודיעין עילית** פון ספר 'מנחת הגרשוני' [עמ"ס ביצה] אז הלל הזקן האט געהאלטן אז אפילו מזונותיו של אדם קצובים קען מען מיט בטחון טוישן דער מזל פון א מענטש.

**הרב מרדכי הכהן מלאכי פון ביתר:** דער מהר"ל אין ספר גבורות השם און די זעלבע זאגט אויך דער יערות דבש, אז צדיקים האבן א כח זיך איינצו'עקש'נען אז זיי זאלן נישט אוועקגיין פון די וועלט, און אז עס איז אזוי מיט'ן לעבן וועלכער איז זיכער אנגעשריבן פון אויבן איז זיכער אזוי מיט פרנסה, א סימן אז מיט בטחון קען א מענטש טוישן דער גזר דין אויף א מענטש אויף לטובה.

## שאלה פאר גליון 72

עס טרעפט זיך צומאל אז מען איז אן אונס און מ'שפעטיגט צופרי צום דאווענען און פאר דער מענטש ליגט איינער פון די צוויי ברירות אדער זאל ער דאווענען ווי געהעריג, שטאט, רואיג, אבער אויב ער וועט טון אזוי וועט ער שפעטיגן צו די כולל אדער צו די ארבעט. די זאך איז אז שפעטיגן אין כולל איז גורם ביטול תורה און שפעטיגן צו די ארבעט קען גורם זיין שאלות אין דינים פון בין אדם לחבירו, מיין שאלה איז: וואס איז די ריכטיגע וועג זיך צו פירן אין אזא צייט?

ג.מ. בני ברק

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 > 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת עקב. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט
אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## נעם אריין דער רייכער שותף אין בילד

ווער נאך ווי די פרומע ערליכע אידן ווייסן אז אויפצוהאלטן א משפחה קאסט גרויסע געלטער? עס קאסט עסן, קליידונג און ווען עס קומט צו גיין די ריכטיגע מינוט און מען דארף זיי חתונה מאכן, קאסט עס אפ א פארמעגן, אז מען זאל זיי קענען חתונה מאכן און שטעלן אונטער די חופה.

נו, וועט א איד פרעגן: רבוש"ע, פון וואו? פון וואו נעם איך זיך אונטער אזעלכע גרויסע סומעס געלט? צי בין איך דען א מיליאנער? אבער דער אמת איז אז ווער זאגט אז עס איז אונזער דאגה? חז"ל זאגן אונז [אין קידושין ל] אז א מענטש האט דריי שותפים, די דריי זענען דער טאטע, די מאמע און השי"ת.

נו, די סברא זאגט דאך אז דער שותף וואס האט די מערסטע, ער דארף אויסצאלן די שותפות און ווער האט דען די מערסטע אויב נישט השי"ת, צו וועמען עס געהערט אלע געלטער פון די וועלט און ווען מיר וועלן זיך מתבונן זיין אין דעם וועלן מיר זען אז פון די וועלט שטייט האט ער געהאט גענוג און איבריג צו שפייזן אלע באשעפענישן אין די וועלט און מיט דעם אלעם איז ער קיינמאל נישט געווארן ארעמער, נו, צי קען ער אונז נישט ארויסנעמען און אויסהאלטן?

ווער עס געט אים די פולסטע צוטרוי - זעט עס בחוש. די פראבלעמען פאנגען זיך אן ווען מיר ווילן זיך אריינמישן אין זיינע חשבונות, עס זעט אונז אויס אז מיר קענען אים העלפן, אז מיר קענען זיך אליין אן עצה געבן, דעמאלטס ווערן אלע פראבלעמען.

מיט א שטיק צייט צוריק איז א איד געקומען צו מיר און זיך באקלאגט אז ער האט חתונה געהאט פינף קינדער און עס האט זיך אנגעזאמעלט ביי אים די סומע פון 300 הונדערט טויזנט דאלער חובות, יעדער קינד האט אים אריינגעברענגט אזויפיל ווי 150 טויזנט דאלער חובות.

אינאיינעם האבן מיר געמאכט און עס האט נישט געשטימט. לויט ווי ער זאגט וואלט דער סך הכל געדארפט זיין 450 טויזנט דאלער.

דער איד האט צוגעשטימט ווען ער געט מיר צו פארשטיין אז ביי די ערשטע חתונה האט אים איינער אויסגעצאלט די גאנצע חתונה.

נו, זאג איך אים, דו זעסט דאך בחוש אז השי"ת העלפט דיר, ווען דו לאזט עס ווייטער פאר אים, וואלט ער דיר ווייטער געהאלפן אבער אז דו האסט זיך אריינגעמישט, האסט אים געוואלט העלפן, האט ער דיר זיך געלאזט אליין פארמעסטן.

איך עצה דיר, גיי צוריק צו די אלטע וועג, פארלאז זיך אויף אים און וועסט זען ווי אלעס וועט זיך פירן צום גוטן.

מען דערציילט אויפן בריסקער רב, אז ער פלעגט שטענדיג חזר'ן די ווערטער 'לישועתך קויתי השם, קויתי השם לישועתך, השם לישועתך קויתי', פאר א לענגערע צייט, ביז די אמונה איז אריין אין די ביינער.

די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 > 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באקומער

עס רעדט דא שמעון פון ירושלים! און איך וויל דא אויסדרוקן מיין טיפסטע דאנק געפילן פאר די גליון. מיין לעבן האט זיך גענצליך געטוישט. דער 'שמעון' פון פאר זיך באקענען מיט דער גליון און דער 'שמעון' פון נאכדעם איז צוויי אנדערע מענטשן, איך שפיר ביי מיר ווי מיין לעבן האט זיך אנגעהויבן אויפסניי.

מיט דאנק שמעון ב. ירושלים

### מצד די געבער

איך האב געווארט מיט מיין 37 יעריגער ער זאל ווערן א חתן ווערן. מיט א וואך צוריק האב איך באשלאסן זיך אנצושליסן אין דער זכות פון 1000 טעלעפאנען צו די טעלעפאן ליניע און אויך אויסצוטיילן דער גליון אין 10 שולן, נאך אין די זעלבע וואך האט מען מיר מציע געווען א שידוך און מיין זון איז געווארן א חתן. איך דאנק השי"ת פאר די ישועה און עקסטער אז די ישועה איז געקומען דורכדעם וואס כ'האב מפיץ געווען די הייליגע אמונה און בטחון צווישן דעם כלל ישראל.

א טעלעפאן קאלל וואס איז אריינגעקומען אין די מערכת


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |



**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה